בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

פרשת שופטים
שנת תשפ"ו

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון
קס"ח

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### - דִינֶען אַלְס אַ בֵּייִשְׁפִּיל -

#### הַאלְטְן דִי זְמַנִים מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכְקֵייט

אֵיינֶע פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע יְסוֹדוֹת פַאר אַ מְחַנֵּךְ מַצְלִיחַ צוּ זַיין אִיז: מֶען מוּז הַאלְטְן דִי זְמַנִים מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פִּינְקְטְלִיכְקֵייט. לְמָשָׁל, אוֹיבּ מֶען דַארְף זַיין אִין כִּתָּה אִינְדֶערְפְרִי נַיין אַזֵייגֶער, נָאךְ הַפְּסָקָה עֶלְף פוּפְצְן, אוּן נָאךְ מִיטָאג צְוֵויי אַזֵייגֶער - דַארְף מֶען זַיין דָארְט פִּינְקְט אִין צַייט.

מֶען דַארְף נִישְׁט הַאלְטְן דִי זְמַנִים בְּלוֹיז וַוייל מֶען הָאט מוֹרָא פוּנֶעם מְנַהֵל, נָאר פָּשׁוּט וַוייל דָאס אִיז דִי צַייט וֶוען מֶען מוּז זַיין אִין כִּתָּה.

עֶס מַאכְט נִישְׁט אוֹיס צִי אַנְדֶערֶע מְחַנְּכִים זֶענֶען שׁוֹין אַרַיין אִין דִי כִּיתּוֹת אָדֶער זֵיי שְׁטֵייעֶן נָאךְ אוּן שְׁמוּעֶסְן אִינֶעם מְחַנְּכִים-צִימֶער; דִי זְמַנִים זֶענֶען נִישְׁט גֶעבִּינְדְן אִין דֶעם צִי אַנְדֶערֶע פָּאלְגְן עֶס יָא אוֹיס אָדֶער נִישְׁט. אֲפִילוּ אוֹיבּ אַלֶע מְחַנְּכִים פַארְבְּרֶענְגֶען נָאךְ אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, דַארְף מֶען בַּיי זִיךְ זַיין קְלָאר: 'אִיךְ קוּק נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע כִּתָּה; אִיךְ דַארְף טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג. אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין מַיין כִּתָּה אוּן אִיךְ הָאבּ מִיט קֵיינֶעם גָארְנִישְׁט צוּ טוּן'.

#### טוּן דִי אַרְבֶּעט בִּשְׁלֵמוּת

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד פְלֶעג אִיךְ אַלְץ זַיין בַּאצַייטְנְס אִין כִּתָּה, אוּן אִיךְ פְלֶעג נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן כִּתָּה אִינְמִיטְן דֶעם סֵדֶר הַלִּימוּד. וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַז אִין דִי צַייט וָואס מֶען דַארְף זַיין אִין כִּתָּה טָאר מֶען נִישְׁט זַיין אִינְדְרוֹיסְן, אוּן אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט מוֹרָא גֶעהַאט נִישְׁט צוּ טוּן מַיין אַרְבֶּעט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

עֶלְף אַזֵייגֶער פְלֶעגְט זַיין אַ הַפְּסָקָה פַאר פוּפְצְן מִינוּט. עֶטְלִיכֶע מִינוּט פַאר דִי הַפְּסָקָה הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט, בִּין אִיךְ שׁוֹין גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים אָפֶענֶעם טִיר אוּן גֶעוִוינְקֶען אַז זַאכְן זָאלְן זִיךְ שׁוֹין אָנְהֵייבְּן רוּקְן. אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער: **"בִּיסְט שׁוֹין גֶעוֶוען אִין בֵּית הַכִּסֵּא?" "הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעטְרוּנְקֶען?"** וַוייל אוֹיבּ מֶען טוּט דָאס נִישְׁט בַּיי הַפְּסָקָה, וֶועט זִיךְ אִינְמִיטְן לֶערְנֶען אָנְהֵייבְּן אַ גַאנְצֶע לוֹיפֶענִישׁ צוּם בֵּית הַכִּסֵּא אוּן צוּ טְרִינְקֶען. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן אֵיין קִינְד: **"נֶעם דֶעם בֶּעזֶעם אוּן קֶער צוּנוֹיף דִי שְׁמוּץ"**.

אִיךְ הָאבּ גֶעוַוארְט בִּיז דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ מְסַדֵּר גֶעוֶוען אוּן זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט, דֶערְנָאךְ בִּין אִיךְ אַרוֹיס פוּן כִּתָּה אוּן נָאכְאַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען, כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן וֶוען אִיךְ קוּם אַרַיין; וַוייל אַזוֹי פַארְלַאנְגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז מֶען מוּז הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר אַ מְחַנֵּךְ אוּן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן וֶוען עֶר קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה.

דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט: **"יֶעדֶער זָאל זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם חוּמָשׁ"**. אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז אֵיין קִינְד פָאלְגְט נָאכְנִישְׁט, הָאבּ אִיךְ אִים דֶערְמַאנְט: **"הָאסְט גֶעהֶערְט? יֶעדֶער נֶעמְט יֶעצְט אַרוֹיס דֶעם חוּמָשׁ"**. אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעזָאגְט אָן קַיין שְׁרֵייעֶרַייעֶן, נָאר רוּאִיג אוּן קְלָאר, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען.

בַּיי הַפְּסָקָה בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ דִי קִינְדֶער, אָבֶּער פַארְן אָנְהֵייבְּן אַ נַייעֶ סֵדֶר, בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן מֶער דִיסְצִיפְּלִינִירְט.

עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מְלַמְּדִים וָואס פְלֶעגְן קוּמֶען קְלַאפְּן בַּיי מִיר אוֹיפְן טִיר פוּן דִי כִּתָּה מִיךְ אַרוֹיסְצוּרוּפְן, מֶען פְלֶעגְט מִיר פְרֶעגְן: **"פַארְוָואס זִיצְטוּ אִין כִּתָּה? קוּם אַרוֹיס אַבִּיסְל, לָאמִיר שְׁמוּעֶסְן אִינְדְרוֹיסְן"**, הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט שְׁפִּילְן אוֹיף בֵּיידֶע זַייטְן; פוּן אֵיין זַייט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעזוּכְט צוּ זַיין אַנְדֶערְשׁ וִוי יֶעדְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט זַיין דֶער 'פְרוּמֶער' וָואס זָאגְט מוּסָר פַאר אַנְדֶערֶע אַז עֶס אִיז גְנֵיבָה צוּ זַיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה אִינְמִיטְן דֶעם סֵדֶר הַלִּימוּד, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט טוֹישְׁן אוּן אַרוֹיסְגֵיין צוּ זֵיי. פְלֶעג אִיךְ זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן אוּן זָאגְן: **"יָא, יָא, אִיךְ קוּם שׁוֹין"**, אוּן לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן אִין כִּתָּה.

אַזוֹי אוֹיךְ פְלֶעגְן מְלַמְּדִים מִיר זָאגְן: **"מִיר לַיידְן צוּלִיבּ דִיר, וַוייל דֶער מְנַהֵל הַאלְט אוּנְז כְּסֵדֶר פָאר פַארְוָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט זַיין אַזוֹי וִוי דִיר, אוּן זַיין בַּאצַייטְנְס אִין כִּתָּה"**, אָבֶער אִיךְ הָאבּ זִיךְ ווִידֶער אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן נִישְׁט גֶעזוּכְט אַרַיינְצוּגֵיין אִין אַ שְׁמוּעֶס דֶערְוֶועגְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט טַעְנָה'ן מִיט קֵיינֶעם. בַּיי מִיר הָאבּ אִיךְ אָבֶער גֶעוואוּסְט אַז 'אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ דַארְף טוּן מַיין אַרְבֶּעט בִּשְׁלֵמוּת'.

#### אָנְפִילְן דֶעם טָאג מִיט לִימוּדִים

מֶען דַארְף אָבֶער וִויסְן: זַיין צַייטְלִיךְ אִין כִּתָּה אִיז נָאר אֵיין חֵלֶק; דֶער צְוֵוייטֶער חֵלֶק אִיז מֶען זָאל אָנְפִילְן דִי צַייט וָואס מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אִין כִּתָּה מִיטְן לֶערְנֶען. אֲפִילוּ אִין אַ שׁוּלֶע וואוּ מֶען לֶערְנְט נִישְׁט

קַיין תּוֹרָה, מוּז מֶען אוֹיךְ אָנְפִילְן דֶעם טָאג מִיט לִימוּדִים; מֶען קֶען לֶערְנֶען הֲלָכוֹת, טַייטְשׁ פוּנֶעם דַאוְוענֶען, שְׁרַייבְּן, לֵיינֶען אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע זַאכְן, וַוייל נָאר אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט הָאט מֶען הַצְלָחָה.

אַ מְחַנֵךְ קֶען נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצְן טָאג, אֲפִילוּ פוּן וִויכְטִיגֶע שְׁמוּעֶסְן, וִוי לְמָשָׁל: אִיבֶּער דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אִידִישְׁקֵייט אוּן זִינְגֶען מִיט זֵיי: **"אוֹי וִוי גוּט צוּ זַיין אַ אִיד, אוֹי וִוי גוּט צוּ זַיין אַ אִיד"**, וַוייל עֶס וֶועט שְׁנֶעל אָנְהֵייבְּן גֵיין טִישְׁן אוֹיף בֶּענְק, בִּיז דִי קִינְדֶער וֶועלְן נָאךְ אַרוֹיסְטְרָאגְן דֶעם מְחַנֵךְ פוּן כִּתָּה... עֶס מוּז זַיין מְסוּדָר'דִיגֶע לִימוּדִים וָואס וֶוערְט גוּט אוּן אִינְטֶערֶעסַאנְט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, פַארְדֶעם אָדֶער נָאכְדֶעם, קֶען מֶען אַרַיינְפְלֶעכְטְן שֵׁיינֶע חִיזוּק פוּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן מִדּוֹת טוֹבוֹת.

## רֵיינְקֵייט אִין כִּתָּה

מְחַנְכִים דַארְפְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וֶועגְן גוּטֶע מִדּוֹת, זִיךְ לִיבּ צוּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן חָלִילָה נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען.

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דִי וִויכְטִיגֶע מִדָּה פוּן 'נְקִיּוּת' - צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג זוֹיבֶּער אוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען.

אוֹיבּ מֶען בַּאמֶערְקְט נָאךְ הַפְסָקָה אַז עֶס לִיגְן נַאשׁ-זֶעקְלֶעךְ אוֹיף דֶער עֶרְד, דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן בַּיים טִיר אוּן פְרֶעגְן דִי קִינְדֶער: **"וֶוער הָאט דָא גֶעגֶעסְן דֶעם נַאשׁ?"** אוּן דָאס קִינְד זָאל זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן, אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם זֶעקְל אוּן עֶס אַרַיינְוַוארְפְן אִין מִיסְט.

זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין חַיּוֹת; אַ אִידִישׁ קִינְד עֶסְט וִוי אַ מֶענְטְשׁ. וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט עֶסְן וַוארְפְט מֶען נִישְׁט דִי אִיבְּרִיגֶע עֶסְן אָדֶער דֶעם זֶעקְל אוֹיף דֶער עֶרְד, נָאר מֶען דַארְף עֶס אַרַיינְוַוארְפְן אִין מִיסְט"**. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְפְן עֶלְטֶערְן אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים, אַז אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין זוֹיבֶּער אוּן מְסוּדָר.

בַּיי אוּנְז אִין 'יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה', אוֹיבּ אִיךְ זֶע אַז עֶס אִיז נִישְׁט רֵיין, עֶס לִיגְן אוֹיסְגֶעבְּלָאזֶענֶע טִישׁוּס אוֹיף דֶער עֶרְד אָדֶער לֵיידִיגֶע סָאדֶע בָּאטְלֶעךְ אוֹיף דִי טִישְׁן, זָאג אִיךְ פַאר דִי בָּחוּרִים: **"מֶען קֶען נָאכְנִישְׁט אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג; קוֹדֶם דַארְף מֶען אוֹיפְהֵייבְּן אוּן אָוֶועקְוַוארְפְן אַלֶע שְׁמוּץ, אוֹיסְשְׁטֶעלְן אַלֶע בֶּענְקְלֶעךְ שֵׁיין אוּן גְרָאד, אוּן נָאכְדֶעם וָואס אַלֶעס וֶועט זַיין זוֹיבֶּער אוּן מְסוּדָר, וֶועט מֶען קֶענֶען גֵיין דַאוְוענֶען אוּן לֶערְנֶען"**.

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען לֶערְנֶען וֶוען זַאכְן לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד? קוֹדֶם מוּז אַלֶעס זַיין שֵׁיין אוּן רֵיין, מֶען דַארְף אַלֶעס אוֹיפְהֵייבְּן, אוּן עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם קֶען מֶען אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען.

נְקִיּוּת - רֵיינְקֵייט אִיז נִישְׁט סְתַּם אַן אִיבְּרִיגֶע זַאךְ, עֶס אִיז אַ חֵלֶק פוּן 'אִידִישְׁקֵייט'. וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה מט:): זְרִיזוּת בְּרֶענְגְט צוּ נְקִיּוּת, נְקִיּוּת בְּרֶענְגְט צוּ טָהֳרָה, אַזוֹי פִירְט אֵיין זַאךְ צוּם צְוֵוייטְן בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ; מֶען זֶעט פוּן דֶעם וִוי וִויכְטִיג עֶס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן רֵיינְקֵייט.

## זַיין אַלֵיין אַ בֵּיישְׁפִּיל

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵין סֵפֶר הַיָּשָׁר לְרַבֵּנוּ תַּם שַׁעַר יג): **"דְּבָרִים הַיּוֹצְאִים מִן הַלֵּב נִכְנָסִים לַלֵּב"** - זַאכְן וָואס קוּמֶען אַרוֹיס פוּנֶעם הַארְץ, גֵייעֶן אַרַיין אִינֶעם הַארְץ. כְּדֵי דִי וֶוערְטֶער פוּן אַ מְחַנֵךְ זָאלְן טַאקֶע הָאבְּן אַן הַשְׁפָּעָה, קֶען עֶר נִישְׁט סְתַּם 'אָפְּזָאגְן' דִי וֶוערְטֶער אוּן גֵיין וַוייטֶער, נָאר דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין דַארְף זַיין דֶערְבֵּיי מִיט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ אִין דִי זַאכְן וָואס עֶר לֶערְנְט אוֹיס.

דֶערִיבֶּער, אֵיידֶער מֶען וִויל רֶעדְן צוּ קִינְדֶער אִיבֶּער סַיי וֶועלְכֶע עִנְיָן - וִוי לְמָשָׁל דִי זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן פְרִיעֶר דֶערְמַאנְט: אָנְקוּמֶען פוּנְקְטְלִיךְ אִין כִּתָּה, הָאבְּן גוּטֶע מִדּוֹת, אָדֶער זַיין מְסוּדָר אוּן רֵיין - מוּז דֶער מְחַנֵךְ אַלֵיין דִינֶען אַלְס אַ בֵּיישְׁפִּיל פַאר דִי קִינְדֶער. אַ מְחַנֵךְ דַארְף אַלֵיין אָנְקוּמֶען אִין צַייט, זַיין רֵיין אוּן מְסוּדָר, אוּן זִיךְ פִירְן מִיט גוּטֶע מִדּוֹת.

אוֹיבּ דִי קִינְדֶער וֶועלְן זֶען אַז דֶער מְחַנֵךְ רֶעדְט פוּן גֶעוִויסֶע זַאכְן וָואס עֶר אַלֵיין טוּט פִּינְקְט פַארְקֶערְט - לְמָשָׁל, עֶר רֶעדְט וֶועגְן זַיין רֵיין אָבֶּער עֶר אַלֵיין קוּמְט אָנְגֶעטוּן שְׁמוּצִיג אוּן פַארְשְׁמִירְט - וֶועלְן זֵיי גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין אַז דָאס זֶענֶען סְתַּם גֶעמַאכְטֶע זַאכְן אוּן עֶר מֵיינְט עֶס נִישְׁט עֶרְנְסְט. אָדֶער אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט אַ דְּרָשָׁה פַאר קִינְדֶער אַז **"מֶען דַארְף הָאבְּן גוּטֶע מִדּוֹת, מֶען טָאר נִישְׁט וֵוי טוּן אַ צְוֵוייטְן, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה"** - בִּשְׁעַת דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין קְרִיגְט זִיךְ אוּן טְשֶׁעפֶּעט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אִיז דָאס דָאךְ אַ קְלָארֶע סִימָן אַז דִי גַאנְצֶע דְּרָשָׁה אִיז בְּלוֹיז אַ גֶעמַאכְטֶע זַאךְ, אַ שְׁפִּיל.

אַ מְחַנֵךְ דַארְף אַלֵיין אַרְבֶּעטְן אוֹיף זִיךְ צוּ הָאבְּן גוּטֶע מִדּוֹת, אוּן עֶר דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט וֵויי טוּן"**, כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען דִינֶען אַלְס אַ בֵּיישְׁפִּיל פַאר דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי זָאלְן זֶען וִוי עֶר רֶעדְט שֵׁיין צוּ אַנְדֶערֶע.

אַזוֹי אוֹיךְ, אוֹיבּ עֶפֶּעס פַּאסִירְט נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעוָואלְט, זָאל דֶער מְחַנֵךְ זָאגְן: **"גַּם זוּ לְטוֹבָה"**, אוּן אוֹיף יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ זָאל עֶר זָאגְן: **"שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**, אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן אִים וִויאַזוֹי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן.

## אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם בְּאַחְדוּת

סְפֶּעצִיעֶל ווילְן מִיר מְחַזֵק זַיין דִי גַאנְצֶע שְׁטַאבּ וָואס אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם אִין אַ מוֹסָד, מֶען זָאל זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט דִי גֶעפִילְן אֵיינֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן; דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (נָשֹׂא קכח.): **"אֲנַן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָיא מִלְּתָא"** דֶער הַצְלָחָה פוּן אַ פְּלַאץ וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס מֶען הָאט אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן; מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אוּן רֶעדְן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן מִיט כָּבוֹד אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ. וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעט אִין זַיין תְּפִלָּה (תְּפִלָּה קוֹדֶם הַתְּפִלָּה): **"וְשֶׁנְּדַבֵּר כָּל אֶחָד אֶת חֲבֵרוֹ בַּדֶּרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָרָצוּי לְפָנֶיךָ"**, יֶעדֶער זָאל רֶעדְן צוּ זַיין חַבֵר אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מֶען זָאל רֶעדְן.

עֶס קֶען פַּאסִירְן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט אַ פָּאסְטְן אִין אַ מוֹסָד, אַז עֶר זָאל דָאס חַס וְחָלִילָה אוֹיסְנִיצְן אוֹיף אַ וֶועג פוּן טְרֶעטְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, גֶעוֶועלְטִיגְן אוּן שַׁאפְן אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף דֶעם גוֹי וָואס טֵיילְט אוֹיס דִי לֶעפְלֶעךְ בַּיי אַ מְסִבָּה, וִוי עֶס שְׁפְּרִיצְן אִים פוּנְקֶען פֵייעֶר פוּן דִי אוֹיגְן... אֵיי, וֶוער בִּיסְטוּ דֶען אַז דוּ הַאלְטְסְט זִיךְ אַזוֹי גְרוֹיס אוּן מֶעכְטִיג? ווִיפִיל צָאלְט מֶען דִיר שׁוֹין פַאר אַ שָׁעָה אַרְבֶּעט? אַ גַאנְצֶע דָאלֶער? אָבֶּער דֶער גוֹי פִילְט בַּיי זִיךְ: 'יֶעצְט הָאבּ אִיךְ דִי לֶעפְלֶעךְ אוּנְטֶער מַיין הַאנְט, אִיךְ טֵייל עֶס אוֹיס, אוּן

## המשך: שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

דוּ דַארְפְּסְט צוּקוּמֶען צוּ מִיר'...

דָאס נֶעמְט אַרַיין סַיי דִי מְחַנְּכִים לְגַבֵּי דִי קִינְדֶער, אוּן סַיי דֶעם מְנַהֵל, דִי מְנַהֶלֶת אָדֶער דִי אָפִיס אַרְבֶּעטֶער לְגַבֵּי זֵייעֶרֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע. אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ פָּאזִיצִיעֶ הֶעכֶער אַ צְוֵייטְן, מֵיינְט עֶס נָאכְנִישְׁט אַז דוּ מֶעגְסְט נִיצְן אַ קַאלְטֶע שְׁפְּרַאךְ צוּ אַ צְוֵייטְן אִיד: **"אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעזָאגְט!" "אַרוֹיס פוּן דָא!"** מֶען מוּז רֶעדְן אֵיידְל, אָן שְׁטֶעכְן אָדֶער פְּלִיקְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן.

וֶוער לַיידְט וֶוען עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערְן? דִי קִינְדֶער! דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אִין אַ מוֹסָד: אוֹיבּ דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אַרְבֶּעטְן נִישְׁט בְּשָׁלוֹם אִינְאֵיינֶעם, לַיידְן דִי קִינְדֶער דֶערְפוּן.

אוֹיבּ אֵיינֶער שְׁפִּירְט זִיךְ וַויי גֶעטוּן אָדֶער גֶעטְשֶׁעפֶּעט פוּן אַ צְוֵייטְן, דַארְף מֶען דָאס אוֹיסְרֶעדְן פָּנִים אֶל פָּנִים, אוּן נִישְׁט בְּלַייבְּן מִיט אַ פַארְוֵייטָאגְט הַארְץ אָדֶער חָלִילָה אוֹיפְהֶערְן רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן; מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ רִיכְטִיגֶע אַחְדוּת.

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בַּעַל הַבַּיִת

קִינְדֶער דַארְפְן זֶען וִוי אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אֵיינֶער צוּם צְוֵייטְן; קֵיינֶער שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט הֶעכֶער פוּן אַ צְוֵייטְן, קֵיינֶער טְרֶעט נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵייטְן, אוּן קֵיינֶער אִיז נִישְׁט קַיין בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף אַ צְוֵייטְן.

מִיר הָאבְּן אֵיין בַּעַל הַבַּיִת: 'דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער', עֶר אִיז דֶער אֵיינְצִיגֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט טַאקֶע אַז קִינְדֶער דַארְפְן אוֹיסְהֶערְן זֵייעֶר מְחַנֵּךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן אַ מוֹסָד מוּז הָאבְּן אַ הַנְהָלָה, בַּעֲלֵי בַּתִּים אוּן אָפִיס אַרְבֶּעטֶער, פִּינְקְט וִוי אַ שִׁיף וָואס פָארְט אוֹיפְן וַואסֶער מוּז הָאבְּן אַ קַאפִּיטַאן; אָן אַ קַאפִּיטַאן קֶען דִי שִׁיף נִישְׁט פָארְן, אָבֶער דָאס מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז מֶען מֶעג חַס וְשָׁלוֹם דֶערְנִידֶערְן אָדֶער טְרֶעטְן אוֹיף יֶענֶעם.

### אַ גְרוֹיסֶע זְכִיָה צוּ זַיין אַ מְחַנֵּךְ

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶערֶעדְט דָאס הַארְץ פַאר מִיר זָאגְנְדִיג: **"מַיין וַוייבּ פִילְט זִיךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן; זִי אַרְבֶּעט אַלְס אַ לֶערֶערִין אִין אַ שׁוּלֶע, אוּן קֵיינֶער גֶעבְּט אִיר נִישְׁט קַיין שׁוּם אַנֶערְקֶענוּנְג אָדֶער אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ".**

הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: עֶס אִיז טַאקֶע אֱמֶת אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער, אוּן סְפֶּעצִיעֶל פַאר אַ פְרוֹי אִיז גָאר שְׁוֶוער זִיךְ אַרוֹיסְצוּשְׁלֶעפְּן פוּן שְׁטוּבּ אוּן קוּמֶען אִין שׁוּלֶע צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער, וֶוען זִי הָאט דָאךְ אַזוֹיפִיל וויכְטִיגֶע זַאכְן צוּ טוּן אִינְדֶערְהֵיים. בִּפְרַט אִין דִי ווינְטֶער טֶעג, וֶוען מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַּטֶר'ן מִיט סְתַּם אָפְּקָאכְן אַ שְׁטִיקְל פְלֵייש פַאר נַאכְטְמָאל פַארְן מַאן אוּן דִי קִינְדֶער וַוייל מֶען דַארְף צוּגְרֵייטְן אַ וַוארֶעמֶע זוּפּ זִיךְ צוּ קֶענֶען אָנְוַוארֶעמֶען פוּן דִי בִּיטֶערֶע קֶעלְט וָואס הֶערְשְׁט אִינְדְרוֹיסְן. אוּן אַנְשְׁטָאט הֶערְן אַ גוּט וָוארְט, בַּאקוּמְט מֶען נָאךְ טַעֲנוֹת: **"פַארְוָואס בִּיסְטוּ אָנְגֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט?"**

אָבֶער דָאךְ - הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט - דַארְפְסְטוּ עֶס טוּן פַאר דַיין וַוייבּ. זָאג אִיר: **"וַואוּו, דוּ הָאסְט אַזַא זְכִיָה אַז דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן גֵייט אַוֶועק מִיט פְּלָאג אוּן מִי פַאר אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן, מִיטְן זִיצְן אוּן מְחַנֵּךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער."** וָואס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ בַּאקוּמֶען אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פוּן אַ פְרֶעמְדְן מֶענְטְשׁ? וַוארְט נִישְׁט אַז אַ צְוֵייטֶער זָאל אִיר קוּמֶען מְחַזֵּק זַיין, נָאר דוּ זַיי אִיר מְחַזֵּק.

עֲבוֹדַת הַחִינוּךְ אִיז טַאקֶע זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אָבֶער עֶס אִיז אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶע זְכִיָה אַז מֶען קֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן רֵיינֶע הַשְׁקָפָה מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט.

ווארִיל אִיז דִי מְחַנְּכִים וָואס קוּמֶען אַרַיין צַייטְלִיךְ אִין כִּתָּה; זֵיי לֵייגְן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער גוּטֶע מִדּוֹת אוּן דֶעם עִנְיָן פוּן רֵיינְקֵייט, אוּן זֵיי רֶעדְן אֵיינֶער צוּם צְוֵייטְן מִיט כָּבוֹד אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי זִיכֶער הֶעלְפְן זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## בְּרֵיְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### זָאל אִיךְ מִיטְנֶעמֶען מַיינֶע קִינְדֶער אוֹיף אוּמַאן טְרָאץ דִי נִסְיוֹנוֹת פוּן שְׁמִירַת עֵינַיִם אוֹיפְ'ן וֶועג?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פָאר שׁוֹין אַסַאךְ יָארְן אוֹיף אוּמַאן אוֹיף ראֹש הַשָּׁנָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶער אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט מִיטְגֶענוּמֶען מַיינֶע קִינְדֶער. אִיךְ הֶער אָבֶער בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז עֶס אִיז יָא וויכְטִיג מִיטְצוּנֶעמֶען דִי קִינְדֶער אַהִין. מַיין שְׁאֵלָה אִיז, אַזוֹי וִוי מַיין שְׁטוּבּ וֶוערְט גֶעפִירְט אוֹיף אַ פְרוּמֶען אוֹפָן, הֵן בְּנוֹגֵעַ זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן אַלֶע סָארְט מָאדֶערְנְקֵייטְן וָואס כַאפְּט זִיךְ אַרַיין, סְמַארְטְפָאוֹן אוּן ווידִיאוֹ אִיז טְרֵיף פָּסוּל בַּיי מִיר אוּן שְׁטוּבּ, אוֹיךְ אִין דֶער בֵּית הַמִּדְרָשׁ וואוּ אִיךְ דַאוֶוען, אוּן אִין דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה וואוּ אִיךְ שִׁיק מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען רֻבָּם כְּכוּלָּם פוּן אַזֶעלְכֶע שְׁטוּבֶּער.

יֶעצְט וֶוען אִיךְ נֶעם מִיט מַיין זוּן פוּן עֶלְף יָאר קַיין אוּמַאן, אִיז תֵּיכֶף בַּיים אָנְקוּמֶען צוּם עֶירְפָּארְט וֶועט עֶר זֶען אַז מֶער פוּן רוֹב פוּן דִי אִידְן וָואס וַוארְטְן אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִין הַאנְט, אוּן בְּשַׁעתְ'ן זִיצְן אוֹיפְן פְלִיגֶער וֶועט עֶר זֶען וִוי אִידְן קוּקְן ווידִיאָס, אוּן בִּכְלַל דִי הַנְהָגָה אוּן דִי דִיבּוּרִים אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער פוּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן קֶען זַיין מִיט לַייכְטְזִינִיגְקֵייט, אִיז וִוי אַזוֹי וֶועט עֶר אוֹיפְנֶעמֶען אַזַא זַאךְ, אַז יֶעצְט בְּשַׁעתְ'ן טוּן דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אִיז שַׁיָיךְ, צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף ראֹש הַשָּׁנָה - זֶעט עֶר גָאר אַז אַזוֹיפִיל אִידְן וָואס פָארְן אוֹיךְ קַיין אוּמַאן, טוּעֶן אַזֶעלְכֶע סָארְט זַאכְן וָואס עֶר זֶעט נִישְׁט זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן?

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז מֶען דַארְף דַן זַיין דִי אִידְן לְכַף זְכוּת, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז אַ דָאקְטֶער וָואס הֵיילְט אוֹיס סַיי מִיךְ אוּן סַיי זֵיי, אָבֶער אַ קִינְד וָואס דַארְף בִּכְלַל חִיזּוּק אַוֶועקְצוּשְׁטֵיין פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסְיוֹנוֹת הַדּוֹר, קֶען פוּן דֶעם קוּמֶען צוּ אַ מַסְקָנָא אַז מֶען קֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד צוּזַאמֶען מִיט דִי אַלֶע טְרֵיפָה'נֶע זַאכְן.

# בְּרִיוֹן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר׳ן אַוֶועק גֶעבְּן פוּן אַייֶער טַייעֶרֶע צַייט

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן שְׁלֶעכְטְס; אַז מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער מִיט לִיבְּשַׁאפְט וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כט, יז): ״יַסֵּר בִּנְךָ וִינִיחֶךָ, וְיִתֵּן מַעֲדַנִּים לְנַפְשֶׁךָ״, אַז מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער אוֹיפְ׳ן גוּטְן וֶועג וֶועלְן זֵיי נָאר בְּרֶענְגֶען נַחַת.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֵיי מְחַנֵךְ זַיין אַז זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי דַארְפְן זָאלְן זֵיי אִים בֶּעטְן; קִינְדֶער הָאבְּן אַ רֵיינְקֵייט אִין זִיךְ, בַּיי זֵיי אִיז דִי אֱמוּנָה קְלָאר אוּן לוֹיטֶער, דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֵיי מְחַנֵךְ זַיין זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה; דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְּט וֶוען מֶען בֶּעט אִים, וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ בְּרֶענְגֶען דַיינֶע קִינְדֶער קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; עֶס אִיז בַּאוְוּיסְט דִי מַעֲשֶׂה אַז וֶוען רֶבִּי יוּדְל פוּן דַאשׁוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - אֵיינֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי׳ן - אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן, הָאט זַיין זוּן אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט מִיט קוּמֶען, אָבֶער רֶבִּי יוּדְל הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער פַארְ׳ן קִינְד דִי שְׁוֶוערֶע וֶועג וְכוּ׳, אוֹיךְ הָאט אִים גֶעפֶּעלְט גֶעלְט אוֹיף שְׁפֶּעזְן. לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אַלֵיינְס אָן זַיין זוּן; וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן שָׁלוֹם גֶעבְּן הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: ״אִיךְ בִּין אַ וואוּנְדֶער; דֶער טַאטֶע קוּמְט צוּ מִיר - גְלֵייבְּט עֶר דָאךְ אִין מִיר, אוּן דֶער זוּן גְלֵייבְּט אוֹיךְ אִין מִיר, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הַאלְט דֶער טַאטֶע אָפּ דֶעם זוּן פוּן קוּמֶען צוּ מִיר״; עֶס הָאט גֶעבַּאדֶערְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן אַז עֶר הָאט נִישְׁט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט זַיין זוּן וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים מִיט דִי קִינְדֶער.

אַזוֹי פִירְן זִיךְ אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; מִיר פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט אַלֶע קִינְדֶער פוּן פַאר זֵיי וֶוערְן זִיבְּן יָאר. מִיר קוּקְן נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן מִיר בְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן אִין יֶעדֶע תְּקוּפָה קוּמֶען אַפִיר אַנְדֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען דִי נִסָיוֹן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֶסְן גֶעהֶערִיג, אָדֶער דִי בֶּעט אִיז נִישְׁט גֶעהֶערִיג, הָאבְּן מִיר דָאס צֶעבְּרָאכְן אוּן גֶעקוּמֶען אֲפִילוּ אָן עֶסְן אוּן אָן שְׁלָאפְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תד): ״יָא עֶסְן - נִישְׁט עֶסְן, יָא שְׁלָאפְן - נִישְׁט שְׁלָאפְן, יָא דַאוֶונֶען - נִישְׁט דַאוֶונֶען, דֶער עִיקָר אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה״; אוּן אַזוֹי קוּמֶען כְּסֵדֶר אָן פְרִישֶׁע נִסְיוֹנוֹת, אָבֶער מִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַז דוּ ווִילְסְט גֶעבְּן אַ גוּטֶע חִינוּךְ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ זֵיי מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר אוּן זֵיי מְחַנֵךְ זַיין אוּנְטֶערְוֶועגְנְס זֵיי זָאלְן הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ו׳, מכתב תקיז)

## גֵיין רֶעדְן אִין שׁוּלֶעס וָואס אִיז אֶלוּל אוּן וָואס אִיז תְּשׁוּבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י״ג אֶלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְט אִיר גֵיין רֶעדְן אִין שׁוּלֶעס וָואס אִיז אֶלוּל אוּן וָואס אִיז תְּשׁוּבָה; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זְכוּת פוּן רֶעדְן פַאר מֵיידְלֶעךְ אִין סְקוּלְס, זֵיי וַוייזְן דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּ אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן וִוי גוּט אִיז צוּ גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

מֶען שְׁרֶעקְט צוּפִיל אָן דִי קִינְדֶער, בִּפְרַט אֶלוּל וַוארְפְט מֶען אַ פַּחַד, אוּן קְלֵיינֶע מֹחוֹת קֶענֶען עֶס אָנְנֶעמֶען נִישְׁט רִיכְטִיג, אוּן עֶס קֶען זַיין אַמָאל אַז מֶען וֶוערְט שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקְן אוּן מְיוּאָשׁ; מֶען דַארְף רֶעדְן פוּן דִי רַחְמָנוּת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּ אוּנְז, וִוי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ אוּן וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז אֲפִילוּ נָאר אַ גוּטֶע ווִילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, שְׁנַת תשפ״ג)


חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט״א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2


צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com


קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעסים; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876